**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/4/2024

**גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באשטימונגען פאר די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט, אפעלאט דיוויזיע**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די באשטימונג פון די געעהרטע לין וועסעל קיען פאר א ליידיגע זיץ אויף די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט, אפעלאט דיוויזיע, פערטע דעפארטמענט.

"די געעהרטע ריכטערין וועסעל קיען איז ערפארן, דורכגעטראכט און גאר קוואליפיצירט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך פיל זיכער אז זי וועט דינען מיט אויסצייכענונג אלס מיטגלידערין פון די אפעלאט דיוויזיע, פערטע דעפארטמענט."

די געעהרטע לין וועסעל קיען איז געזיצן אלס ריכטערין אויף די ערי קאונטי סופרים געריכט אין די אכטע געריכטליכע דיסטריקט פון ניו יארק זינט זי איז ערוויילט געווארן אין 2017. בעפאר די ערי קאונטי סופרים געריכט איז וועסעל קיען ערוויילט געווארן אלס טאון ריכטערין פאר די ארטשארד פארק טאון געריכט אין 2012.

ריכטערין וועסעל קיען האט אנגעהויבן איר לעגאלע קאריערע אלס א געהילף דיסטריקט אטוירני, און זי האט געעפנט איר אייגענע פריוואטע אדוואקאט פירמע אין 2000. ריכטערין וועסעל קיען איז אויך געווען א געזעצליכע קלערק פאר ריכטערין ליסא בלאק ראַדווין (רעטייערט) פון די ערי קאונטי פאמיליע געריכט, זיך אייגהאנדלענדיג ערפארונג אין קרימינאלע, פאמיליע און ציווילע אנגעלעגנהייטן.

ריכטערין וועסעל קיען איז א מיטגלידערין פון די באַר אסאָסיעישען פון ערי קאונטי, די פרויען'ס באַר אסאָסיעישען פון ניו יארק סטעיט און די אסאָסיעישען פון ריכטער פון די סופרים געריכט פון ניו יארק סטעיט. זי האט לעצטנס געדינט אלס וויצע פרעזידענט – און בעפאר דעם אלס טרעזשורער – פון די סופרים געריכט ריכטער אסאָסיעישען, אכטע געריכטליכע דיסטריקט, און אזוי אויך האט זי געדינט אלס מיטגלידערין אויף די קאמיטע אויף כאראקטער און פאסיגקייט ( Committee on Character and Fitness) פאר די אכטע געריכטליכע דיסטריקט, פערטע דעפארטמענט.

וועסעל קיען האט זיך איינגעהאנדלט א BA דעגרי פון באסטאן קאלעדזש וואו זי האט גראדואירט 'מיט גרויסע עהרע' און זי האט באקומען א JD דעגרי פון SUNY באפעלאו געזעץ סקול וואו זי האט גראדואירט 'מיט עהרע'.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן